


# פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of The Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org

פרשת תזריע-מצורע, ב' אייר תשס"ז
גליון 3, מספר 23




## פרשת תזריע-מצורע

### מצורע - מצות טבילה במקוה

**ורחץ במים את כל בשרו.** דאס איז די מצוה (ווי דער רמב"ם זאגט אין ספר המצוות) "לטבול במי מקוה", דאס מיינט, אז דורך דעם וואס מ'איז זיך טובל אין א מקוה ווערט מען טהור פון אלערליי טומאות.

דער רמב"ם איז מסביר - אין זיין גרויסן ספר, ספר היד, אין סוף פון הלכות מקוואות- אז אין דער מצוה איז פאראן א רמז, אז דער וואס וויל אז זיין נפש זאל זיין ריין פון שלעכטע מחשבות און "דיעות", איז באלד ווי ער באשליסט זיך צו אפשיידן פון זיי און טוט זיך אריין אין "**מי הדעת הטהור**" (אין די "וואסערן" פון ריינע דעת) -ווערט ער טהור.

דערפון האט מען אויך אן אפלערנונג פאר קינדער פון "צבאות השם":

בשעת מיר לעבן נאך אין גלות, צווישן ניט אידישע קינדער, אדער להבדיל צווישן אידישע קינדער וואס וויסן נאך ניט וועגן אידישקייט, קען טרעפן חס ושלום אז מ'זאל ווערן באווירקט פון שלעכטע "דיעות", דיעות וועלכע געהערן ניט צום צד הטוב, "**אין טוב אלא תורה**".

איז די עצה דערצו - זיך "טובל" זיין אין די וואסערן פון מקוה, וואס דאס מיינט - די "וואסערן" פון תורה, ווי די חז"ל זאגן אז תורה ווערט צוגעגליכן צו "מים", וואס דערפאר איז דער שיעור פון א מקוה פערציק "סאה" פון וואסער, אנטקעגן די תורה וואס איז געגעבן געווארן אין פערציק טעג.

און אין אט די "וואסערן" פון תורה דארף מען זיך טובל זיין: "טבילה" מיינט אז מען דארף אריינגיין אינגאנצן אין די וואסער ביז אז די וואסערן דעקן אים צו אינגאנצן, זיין גאנצן גוף ביז איבערן קאפ. די זעלבע זאך איז בנוגע צו תורה, אז מען דארף זיך אינגאנצן אריינטאן אין די "מי הדעת הטהור", ביז אז זיין גאנצע מציאות, דער שכל פון זיין קאפ, די געפילן פון הארץ, די הענט און פיס (מעשה) און אלע איבעריקע כחות זיינען צוגעדעקט מיט די ריינע און ליכטיקע "וואסערן" פון "תורה אור",

און דעמאלט ווערט א איד "טהור" און איז זוכה צו קענען אריינקומען אין בית המקדש, אין דער גאולה האמיתית והשלימה.

*(פון דער רבי'ס רעדט צו קינדער- שיחת אור לח' דחנוכה תשמ"ה)*

טייערע קינדער שלוחים,

ראש חודש: א נייער אנהויב. אין חודש אייר לערנען מיר וועגן די וויכטיקייט פון יעדן טאג, ווייל יעדן טאג ציילט מען ספירת העומר. דורך דעם וואס מיר ציילן יעדן טאג, באווייזן מיר אונזער דאנקבארקייט צום אויבערשטן אויף די צייט וואס ער גיט אונז. מיר באווייזן אויך ווי צופרידן מיר זיינען אז עס קומט שוין די צייט פון קבלת התורה.

קינדער, דער ווארט אייר איז די ראשי תיבות פון "אני ה' (י-י) רופאיך". דאס איז א חודש ווען דער אויבערשטער היילט אונז אלע פון אלע מחלות- גשמיות'דיקע און רוחניות'דיקע. לאמיר בעטןביים אויבערשטן אונז ארויסהעלפן, און ברענגען שוין די אמת'ע רפואה - די גאולה האמיתית והשלימה.

א גוטן חודש!

-א. וועכטער




## ב' אייר

### יום הולדת פון דער רבי מהר"ש



"די וועלט זאגט אז אויב מען קען ניט ארונטער זאל מען אריבער, אבער איך זאג, 'לכתחילה אריבער'!"

אמאל ווען מען קומט אן צו א שוועריקייט ווערט מען מבולבל. מען ווייסט ניט וואס צו טאן. למשל, דו האסט געוואלט גיין אויף מבצעים, אבער עס רעגנט. דו ווייסט ניט אויב דו זאלסט ווארטן ביז עס הערט אויף רעגענען אדער אפשר נאר גיין אויף א קורצע ווייל'ע, קומט די הוראה פון דער רבי מהר"ש - "לכתחילה אריבער!" טראכט ניט צו פיל: גיי!

די לעבן פון דעם רבי'ן מהר"ש איז געווען זייער א 'לכתחילה אריבער'דיקע'. דער רבי מהר"ש איז פון יונגווייז אן באוואוסט געווארן פאר זיין קלוגשאפט, און האט געהאט אסאך געלט, וואס האט געמאכט א גרויסע קידוש ה'.

דער רבי מהר"ש – ר' שמואל איז געבארן געווארן ב' אייר תקצ"ד.

א צייט פאר זיין געבורט איז אין ליובאוויטש געווען א גרויסער פייער. נאך דער פייער האט דער צמח צדק באשלאסן צו קויפן א שטיקל לאנד און בויען אויף דעם א גרויסע שטוב מיט א בית מדרש. דער אדון פון דער שטאט ליובמירסקי האט געהייסן אלץ געבן צום צמח צדק אומזיסט.

ב' אייר, ווען דעם ספירה איז געווען תפארת שבתפארת איז דער זיביטע זון פון צמח צדק - שמואל געבוירן געווארן אין הייליקייט.

דער רבי מהר"ש איז געווען נאר 21 ווען דער צמח צדק האט אים שוין געבעטן זיך פארנעמען מיט זאכן פאר דעם כלל. דער רבי מהר"ש איז געגאנגען פאר זיין טאטען צו גרויסע שרים צו איינשטעלן זיך פאר די חינוך פון אידישע קינדער. אף על פי אז ער איז געווען יונג, האט ער קלאר געזאגט זיין דעה פאר אלע גרויסע מיניסטערס.

נאך דער הסתלקות פון צמח צדק אין יאר תרכ"ו, איז ר' שמואל געווארן דער רבי.

די צייט פון רבי מהר"ש'ס נשיאות איז געווען זייער א שווערע צייט אין רוסלאנד פאר אידן צוליב די שלעכטע גויים, און דער רבי מהר"ש האט שטארק געקעמפט קעגן דעם. דער רבי מהר"ש איז נאר געווען רבי 17 יאר ביז תרמ"ג (ווען ער איז נסתלק געווארן) אבער אין דער קורצע צייט האט ער געשריבן אסאך חסידות וואס ווערט אנגערופען "תורת שמואל", און האט ארויסגעהאלפן אידן בגשמיות וברוחניות.




אין משנה ב' פון פרק שני פון פרקי אבות שטייט, "עשה רצונך כרצונו," נעם אן זיין ווילן אזוי ווי דיין אייגענע ווילן. פארוואס שטייט ניט "טו די ווילן פון אויבערשטן"?

צו ענטפערן די פראגע לערנען מיר א משל. אמאל איז געווען א רייכע טאטע וואס האט געהאט איין באליבטן זון. ווען ער איז געווארן עלטער, האט ער געגעבן זיין רייכטום אין די הענט פון זיין באהעלפער. ער האט אים געזאגט, "נאכדעם וואס איך גיי אוועק פון דער וועלט, געב מיין זון וויפל דו ווילסט פון מיין רייכטום, און האלט פאר זיך די איבעריגע."

נאכדעם וואס די טאטע איז אוועק, האט דער מענטש גענומען פאר זיך 95% פון די רייכטום, און האט איבערגעלאזט 5%. די זון איז געווען זייער אומצופרידן, און האט ניט געקענט גלויבן, אז דאס איז וואס זיין טאטע האט געוואלט.

ער האט גענומען דעם מענטשן צו א דין תורה. דער רב האט געזאגט אז דער מענטש מוז געבן 95% צו די זון און נעמען פאר זיך נאר 5%. און ער האט ערקלערט, "דער טאטע איז געווען זייער א קלוגע מענטש. ער האט געזאגט 'גיב מיין זון וויפל דו ווילסט'- איך זעה אז דו ווילסט 95%, דאס איז וואס דו מוזט געבן צו זיין זון!"

די משנה באווייזט אונז די ריכטיקע וועג צו פירן זיך. דער משנה זאגט אונז אז דאס וואס מען טוט פארן אויבערשטן זאל זיין אזוי ווי מען וואלט געטאן פאר זיך. מיר גלייכן נוצן אסאך געלט אויף זאכן וואס מיר ווילן, זאל מען נוצן אט די געלט פארן אויבערטשן. און פונקט אזוי ווי מען וואלט געארבעט זייער שווער אויף עפעס וואס מען האט געוואלט פאר זיך, זאל מען לייגן כוחות אין תורה און מצוות.






## תזריע

עס רעדט זיך אין אונזער פרשה וועגן די ברכה פון האבן קינדער. דאס איז איינע פון דריי ספעציעלע זאכן. די דריי זאכן זיינען ניט געגעבן געווארן אין די הענט פון מלאכים, נאר דער אויבערשטער אליין האלט די שליסל צו דעם.

די דריי זאכן זיינען: 1– האבן קינדער,2– רעגן, און די דריטע זאך איז תחיית המתים וואס וועט געשען אין די צייט פון דער גאולה!

## מצורע

אידן אין צייט פון גלות זיינען געגליכן צו א מצורע, און דער ענין פון א מצורע האט אויך סימנים פון די גאולה. ווען די מצורע ווערט געשיקט מחוץ למחנה, איז דאס אזוי ווי אידן אין גלות, און ווען דער מצורע קומט צוריק, איז דאס אזוי ווי ווען אידן טוען א פולע תשובה.

דער כהן וואס זאגט אז דער מצורע קען צוריק קומען איז אזוי ווי דער אויבערשטער וואס ער זאגט אונז ווען משיח זאל קומען.

דערנאך נעמט דער כהן צוויי פייגעלאך וואס דאס איז אזוי ווי משיח בן דוד און משיח בן יוסף.

די דריי סארט זאכן, די אזוב, עץ ארז, און די רויטע וואל זיינען מסמל די דריי אבות, און דאס באווייזט אונז אז משיח וועט קומען אין זכות פון די אבות.

דערנאך לאזט מען די פייגל פליען, וואס דאס באווייזט אז משיח וועט זיין דער האר איבער אלע מענטשן פון דער וועלט.

# דערציילט מיר א מעשה

דער פערטער ליובאוויטשער רבי, דער רבי מהר"ש, האט געהאט א חסיד, א געשעפטסמאן וואס האט זייער מצליח געווען. יעדער מאל איידער ער האט עפעס געטאן אין זיין געשעפט, האט ער געפרעגט ביים רבי'ן אן עצה.

איין מאל האט מען מציע געווען צום חסיד א גרויסע געשעפט. ער האט געוואוסט אז ער האט געדארפט ארייגלייגן אין דעם מערסטנס פון זיין געלט, אבער אויב ער וועט מצליח זיין, וועט ער ווערן זייער רייך.

איידער ער האט באשלאסן אזא גרויסע זאך, איז ער געפארן צום שטאט ליובאוויטש צו פרעגן אן עצה ביים רבי'ן.

נאכדעם וואס דער רבי האט זיך צוגעהערט צו אלע פרטים, האט ער אים געזאגט אז דער געשעפט איז ניט כדאי.

דער חסיד האט ניט געקענט גלויבן: אזא געלעגנהייט קומט ניט יעדן טאג! ווי קען דער רבי ניט מסכים זיין? ער האט געפראווט איינרעדן דעם רבי'ן, אבער דער רבי האט ניט געביטן זיין דעה, "ניין!"

ווען ער איז אהיים געקומען, זיינען געקומען צו אים די מענטשן פון זיין ביזנעס. ווען זיי האבן געהערט די ענטפער פון רבי'ן האבן זיי געלאכט.

"זיכער האסטו ניט פארשטאנען די ווערטער פון רבי'ן!" האבן זיי געזאגט. "אפשר האסטו פארגעסן געוויסע פרטים? גיי צוריק צום רבי'ן און פרעג אים נאכאמאל זיין עצה מיט אלע פרטים. דו וועסט זען אז ער וועט זיכער בייטן זיין דעה."

דער חסיד איז צוריקגעגאנגען אין ליובאוויטש.

"רבי, אפשר האט איר ניט פארשטאנען וואס איך האב ערקלערט דעם לעצטן מאל. דאס רעדט זיך וועגן אסאך געלט. איך קען ווערן א רייכע מענטש און געבן אסאך צדקה..."

דער רבי האט זיך צוגעהערט מיט אסאך געדולד, אבער זיין ענטפער איז געבליבן, "ניין! עס איז ניט כדאי ארייגגיין צו דעם."

דער חסיד איז אהיים געגאנגען און האט געטראכט וועגן די געלט וואס ער האט געקענט פארדינען, אויב נאר דער רבי וואלט מסכים געווען.

זיינע פריינט און משפחה האבן אים ניט אפגעלאזט, "מען טאר ניט פארלירן אזא געלעגנהייט, האבן זיי געשריען, "גיי צוריק צום רבי'ן און ער וועט דיר זיכער ענטפערן אנדערש."

א דריטער מאל האט דער חסיד געבעטן ביים רבי'ן לאזן אים טאן די געשעפט, אבער דער רבי האט געענטפערט "ניין!"

ווען דער חסיד איז אהיים געקומען, האט ער ניט געקענט ביישטיין דעם נסיון, און האט גע'חתמ'ט אויפן געשעפט.

ליידער, האט ער ניט מצליח געווען. דער חסיד האט אין א קורצע ווייל פארלארן זיין גאנצע פארמעגן.

דער חסיד האט זיך גלייך געכאפט אז עס איז ניט געווען ריכטיג צו טאן אנטקעגן די עצה פון זיין רבי'ן. פול מיט חרטה איז ער צוריקגעפארן א פערטע מאל צום רבי'ן.

דער חסיד האט געהאט א לאנגע יחידות מיטן רבי'ן און צום סוף האט ער נאר איבערגעזאגט איין זאך וואס דער רבי האט צו אים געזאגט.

*"עס זיינען פאראן אסאך מענטשן וואס קומען צו מיר פרעגן מיין דעה אויף וויכטיקע זאכן. אסאך מאל פרעגן זיי ביי מיר וועגן זאכן אין וואס איך האבן זיך מיט זיי קיינמאל ניט פארנומען. אויב אזוי, פארוואס קומען זיי צו מיר צו בעטן מיין דעה?*

*עס זיינען פאראן דריי ענטפערס, וואס יעדער איינער פון זיי פאסט זיך צו צו אן אנדערע איד.*

*איינער טראכט, 'עס איז זייער פשוט: דער רבי האט רוח הקודש. דער רבי איז א ג-טלעכער מענטש, א נביא. דאס זיינען דעם אויבערשטנ'ס ווערטער און מיר מוזן אים פאלגן אן קיין שאלות.'*

*אן אנדערע סארט, איז א מענטש וואס איז מער פראקטיש. ער זאגט, 'דער רבי לערנט תורה און דינט דעם אויבערשטן. דערפאר איז אלס וואס ער זאגט קומט פון תורה און זיכער וועלן זיינע ווערטער מקויים ווערן.'*

*דער דריטער מענטש זאגט, 'דער רבי טרעפט זיך מיט אזוי פיל מענטשן פון דער גאנצער וועלט, און דורך דעם קען ער פארשטיין אסאך זאכן. דערפאר, מוז מען זיך צוהערן צו אים.'"*

דער רבי מהרש האט געענדיקט, "קיין חילוק ניט צו וועלכע סארט דו באלאנגסט, האסטו זיכער ניט געדארפט אריינגיין אין עפעס נאך דו האסט פון מיר געהערט איין, צוויי און דריי מאל, 'ניין!' "

לעילוי נשמת
אאמו"ר הרה"ח התמים ר' דובער
בן הרה"ח ר' נפתלי שו"ב ע"ה יוניק
זכה לשמש בקודש קרוב ליובל שנים
נפטר ביום הרביעי, ט' אייר תשס"ה

נדבת בנו ר' דוד שי' יוניק ומשפחתו

# TEST YOUR KNOWLEDGE

# פרשת תזריע–מצורע

פאקס צוריק די פאפיר צום שלוחים'ס אופיס פאר מיטוואך,
און דו קענסט געווינען א פרייז! (718-221-0985)

לייג צאם די פראגעס און ענטפערס וועגן רבי'ן מהר"ש

| | |
|---|---|
| דער נאמען פון רבי'ן מהר"ש | צמח צדק |
| דער טאטע פון רבי'ן מהר"ש | ב' אייר |
| די מאמע פון רבי'ן מהר"ש | ר' שמואל |
| די געבורטס טאג פון רבי'ן מהר"ש | י"ג תשרי |
| די ווייב פון רבי'ן מהר"ש | רביצין רבקה |
| די זין פון רבי'ן מהר"ש | 4 |
| די טעכטער פון רבי'ן מהר"ש | רביצין חי'ה מושקא |
| דער יארצייט פון רבי'ן מהר"ש | 2 |

## הצלחה רבה

נאמען: ______________________________ ווי אלט: _____

אדרעס: ______________________________________________

______________________________________________

אימייל: ______________________________

די געווינער פון פרשת שמיני: יוסף כצמאן, 9